בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'
בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ
רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

## ויגש

י"א טבת תשפ"ד

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 4:05 |
| מוצש"ק | 5:20 |
| ר"ת | 5:58 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 8:19 | סוז"ת א' | 9:25 |
| סוזק"ש ב' | 9:07 | סוז"ת ב' | 9:57 |

די צייטן לויט די ווינטער זייגער

גליון מס': ס'א
שנה ב'

## טיב הפרשה

# אמונה אויך ווען די צרה איז געקומען דורך בעלי בחירה

## כִּי לְמִחְיָה שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר וויאזוי יוסף הצדיק האט זיך געטראפן מיט די ברידער, און וויאזוי ער האט אויף זיך מצדיק געווען דעם דין אויסרופנדיג דער פסוק **וְעַתָּה לֹא אַתֶּם שְׁלַחְתֶּם אֹתִי הֵנָּה.**

ווען מען איז זיך מתבונן אין די פסוקים און וויאזוי די תוה"ק דערציילט די געשעענישן זעט מען אין איר א שטארקן לימוד. עס איז דא אסאך אידן וואס ווען עס באטרעפט זיי א שוועריגקייט, ווען זיי האבן די כוחות הנפש זיך צו שטארקן אין אמונה און זיך מתחזק זיין אז אלעס קומט פון אויבן, אז יעדער זאך געשעט מיט א גענויער חשבון, אז אלעס איז פאר זיין טובה וועגן, אבער די זעלבע מענטשן וועלן נישט האבן די זעלבע מאס אמונה און שטארקייט, אויב די שאדן אדער די צרה, איז אנגעקומען צו זיי דורך א מענטש.

אין פאל אז זיי וועלן ליידן עגמות נפש און דאס וועט אנקומען צו זיי דורך א בעל בחירה וועט ער עס נישט קענען אראפשלינגען, און וועט זיין איבערגעצייגט אז דער מענטש איז שולדיג אין די געשעעניש. אויך ווען מען וועט אים מעורר זיין אז דער מענטש איז נישט שולדיג, אז אלעס פירט זיך פון אויבן, אז דער איד איז בסך הכל א שליח, וועט ער עס אנלייגן אז נישט אומזיסט איז עס געקומען דורך דער מענטש און אלץ באוויז וועט ער נוצן דער מאמר חז"ל מגלגלין חובה על ידי חייב.

אבער דא אין די וואכענדיגע פרשה באקומען מיר א שטיקל בליק וויאזוי אן ערליכער איד דארף אנקוקן א געשעעניש וואס האט אים באטראפן, אויך ווען אויסערליך זעט אויס ווי די שלעכטס וואס עס האט אים באטראפן איז געקומען צו אים דורך בעלי בחירה.

ווען יוסף הצדיק זאל ווען אנקוקן די שווערע איבערגאנג וואס ער איז אריבער די אלע יארן מיט א גשמיות'דיגער בליק, וואלט ער געטייטלט מיט די פינגער אויף

>>> המשך אין עמוד ב'

## טיב המערכת

# תוֹעֲבַת מִצְרַיִם כָּל רֹעֵה צֹאן

לאמיר זיך פאָרשטעלן, ווי מען קומט אן אויף א באזוך ביים גרעסטן הערשער אויף דער וועלט. אוודאי וואלט מען געוואלט טרעפן חן אין זיינע אויגן, מעגליך וואלט מען אים אפילו גוזאגט אז מיר שעצן אים זייער שטארק און מיר האלטן אז די מענטשן פון זיין לאנד זענען זייער ספעציעל, א.ד.ג. דאס איז אבער קלאר, אז עס וועט אייך אפילו נישט איינפאלן פאר א רגע, אים צו זאגן אז איר באשעפטיגט זיך אין א פאך וועלכער ער האט פיינט, אפילו אויב דאס איז טאקע אייער פאך, און נישט ווייל איר ווילט חלילה זאגן ליגנט, נאר פשוט ווייל מִפְּנֵי הַשָּׁלוֹם מעג מען מְשַׁנֶּה זיין פונעם אמת, איבערהויפט ווען עס רעדט זיך פון א הערשער וועלכער קען אין א מינוט אורטיילן מענטשן צום טויט, אן קיין חשבון.

יוסף הצדיק האט אנגעוויזן פאר זיינע ברידער אז זיי זאלן זאגן צו פרעה 'אַנְשֵׁי מִקְנֶה הָיוּ עֲבָדֶיךָ מִנְּעוּרֵינוּ וְעַד עַתָּה גַּם אֲנַחְנוּ גַּם אֲבֹתֵינוּ' און ער זאגט ווייטער 'בַּעֲבוּר תֵּשְׁבוּ בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן כִּי תוֹעֲבַת מִצְרַיִם כָּל רֹעֵה צֹאן', איר וועט אוודאי מודה זיין אז עס וואלט אייך נישט איינגעפאלן צו ענטפערן אזא ענטפער פאר פרעה. אין אנדעער ווערטער זאגן זיי צו פרעה – מיר און אויך אונזערע עלטערן אין אלע דורות האבן זיך אלעמאל באשעפטיגט אין דאס וואס דו טוסט אזוי שטארק פאר'מיאוס'ן - 'כִּי תוֹעֲבַת מִצְרַיִם כָּל רֹעֵה צֹאן', טראצדעם וואס דאס איז נישט געווען זייער איינציגער און הויפט באשעפטיגונג.

למעשה קען מען ערקלערן, אז 'פרעה' איז דער יצר הרע וואס איז פארהאנען אין יעדן דור, ער איז דער וועלכער האט פיינט די מענטשן וואס טראגן דעם פשוט'ן פאך אזוי ווי פאשען שאף, ער האט ליב די 'פארגעשריטענע' וועלכע קענען זיך אויס אינעם גאנצן באנייענדע טעכנאלאגיע, און צום גרויסן ווייטאג טראכטן מיר אמאל אז עס איז וויכטיג אז מיר זאלן געפינען חן אין די אויגן פון די וועלט, אז מיר זאלן נישט אויסזען אזעלכע 'אלטמאדישע', וויבאלד מיר ווייסן נישט אז אונטער די גאנצע וועלטליכע 'שיינקייט' שטייט איין גרויסער פרעה, וואס זיין גאנצע ווילן איז אז מיר זאלן אריינפאלן אין זיין נעץ, מיר זאלן פראבירן צו געפעלן אין זיינע אויגן, און דורך אונזערע נארישקייט זאלן מיר אריינפאלן אין זיינע הענט אזוי ווי א געצייטיגטער פרוכט.

לערנט יוסף הצדיק פאר זיינע ברידער און פאר אונז אלע, וויאזוי ער האט אויסגעהאלטן אזויפיל יאר אין די זוהמת מצרים, און איז טראצדעם געבליבן ערליך, מיט די קדושת פון יוסף הצדיק, קדושת היסוד, לערנט אונז יוסף הצדיק דער סוד – פראביר נישט צו געפעלן ביי פרעה און זיינע פריינט, נאר זאגט זיי קלאר: מיר זענען אנדערש פון אייך, **מיר באשעפטיגן זיך פונקט אין די ארבעט וואס איז מיאוס אין אייערע אויגן!** אזוי וועט איר זיך קענען היטן, **'בַּעֲבוּר תֵּשְׁבוּ בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן'**, וואס דאס איז דער מערסט אפגהיטענער ארט וואו עס קומט נישט אן די זוהמת מצרים, דארט וועלן זיי נישט זוכן אייער נאנטקייט, און וועלן נישט פראבירן אייך צו ציען נאך זיי.

(עפ"י טיב התורה - ויגש)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א – אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב ההודעות

זמנים אויף
קבלת קהל און שיחות
0534-100024

יו"ר הוועדה הרוחנית: ר' יעקב רבינוביץ | עורך: ש. גולדשטיין

זיינע ברידער, זאגנדיג אז זיי זענען שולדיג אין אלע צרות וואס ער איז אריבער, אבער יוסף הצדיק איז געווען דער צדיק יסוד עולם, דער ביישפיל פאר'ן כלל ישראל, און ווען עס האט אים באטראפן אזא געשעעניש, האט ער פאר א רגע נישט געהאט אזא מחשבה, אז די ברידער זענען שולדיג אין די לאנגע און ביטערע איבערגאנג וואס ער איז אריבער די אלע יארן. ער האט גלייך געוואוסט מיט א קלארקייט אז די בעלי בחירה קענען גארנישט טון מיט אים אדער מיט אן אנדערן, אן וואס עס זאל זיין אזוי אנגעשריבן פון הימל, און ווי עס איז זיינע ווערטער 'וְעַתָּה לֹא אַתֶּם שְׁלַחְתֶּם אֹתִי הֵנָּה', און ווי ער פירט אויס איז עס געווען א חלק פון א לענגערע פלאן וואס הקב"ה האט אנגעגרייט פאר'ן כלל ישראל.

אין זיינע ווערטער דרוקט יוסף הצדיק אויס צוויי נקודות. אויסער וואס ער ברענגט ארויס אז ער האט נישט געהאט קיין טענות אויף די ברידער איז ער מגלה דעת, אז אויך דער חלק פון 'מגלגלין חובה על ידי חייב' איז נישט דא ביי אים.

די נקודה געבט ער ארויס מיט'ן זאגן דער 'וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ'.

יוסף הצדיק זאגט צו די ברידער אז זיי דארפן נישט מורא האבן אז ער וועט זיי באשטראפן און אז ער האט א טענה אויף זיי, וויבאלד ער איז מצדיק אויף זיך דעם דין, און זיי זאלן נישט מיינען אז טראצדעם האלט ער אז זיי זענען אויך שולדיג ווייל נישט אומזיסט האט זיך עס אזוי געפירט, נאר עס איז פון הימל.

מען לערנט דא די קלארע אמונה וואס יוסף הצדיק האט געהאט און וויאזוי די שבטי קה האבן געלעבט און וויאזוי עס איז געווען זייער בליק אויף יעדע געשעעניש אין די וועלט, און דאס איז א לימוד פאר יעדן איד, וויאזוי ער דארף אנקוקן א זאך און עס אפלערנען.

אויף שפעטער ווען יעקב אבינו האט אראפגענידערט קיין מצרים און הקב"ה האט אים מבטיח געווען אז ער וועט זיכערמאכן אז ער זאל אויך ארויפקומען דא קיין ארץ ישראל, און ווי עס איז דער לשון הפסוק 'ואנכי אעלך גם עלה' און ווי רש"י איז מפרש אויפ'ן ארט, האט ער אים מיט די הבטחה צוגעזאגט אז ער וועט אים ארויפברענגען קיין ארץ ישראל און אים באגראבן דא, זעט מען א מורא'דיגע זאך.

נאך אזא הבטחה וואלט יעקב אבינו געדארפט זיין רואיג אז נאך זיין פטירה וועט מען אים ארויפברענגען קיין ארץ ישראל, אבער למעשה זעט מען ווי יעקב אבינו פאראורבעט מעשים און לאזט רופן יוסף הצדיק צו זיין קראנקע בעט און באשווערט אים אז ער זאל ארויפטראגן זיין קערפער קיין ארץ ישראל.

אבער אויך דא ליגט א שטארקער דערהער. יעקב אבינו האט נישט קיין געצווייפלט פאר קיין איין רגע אז די הבטחה פון הקב"ה וועט מקויים ווערן ביז'ן סוף, אבער מיט דעם אלעם האט ער געהאלטן אז מען דארף מאכן השתדלות, ווייל דער רבוש"ע האט אויסגעשטעלט די בריאה אין אזא וועג אז עס זאל ארבעטן דורך שלוחים, און אז די שלוחים זאלן האבן שלוחים ביז ווען די זאך ווערט א מציאות, און ער האט דאס געוואוסט, און וויסנדיג אז דאס איז דער רצון השם אז זאכן זאלן זיך מתגלגל זיין דורך איין זאך און אז איין זאך זאל ברענגען די צווייטע, האט ער זיך געלאזט פירן פון דעם און עס אויסגעפירט ביז צום לעצטן פרט, טראץ וואס עס איז געווען ביי אים קלאר ווי די טאג אז די הבטחה וועט מקויים ווערן במלואה.

מיט דעם געדאנק קען מען אויך פארשטיין וואס דער פסוק זאגט אז יוסף הצדיק האט געבעטן פון זיינע ברידער אז זיי זאלן דערציילן פאר'ן פאטער יעקב די גאנצע כבוד וואס ער האט אין מצרים און ווי עס איז דער לשון הפסוק וְהִגַּדְתֶּם לְאָבִי אֶת כָּל כְּבוֹדִי בְּמִצְרַיִם.

על פי פשטות איז שווער צו פארשטיין וואס האט יוסף הצדיק געוואלט זאגן מיט דעם, עס קוקט אויס ווי ער האט זיך געוואלט בארימען פאר די ברידער, אבער יוסף הצדיק האט נישט געמיינט זיך צו בארימען מיט זיין כבוד, ער האט געוואלט אז יעקב אבינו זאל וויסן די השגחה פרטית, וויאזוי זאכן האבן זיך געפירט מיט אים, ביז ווען ער איז אנגעקומען צו זיין היינטיגער מצב.

מיט דעם גריס האט ער געוואלט אויסדרוקן דער 'שִׂיחוּ בְּכָל נִפְלְאוֹתָיו' וואס ער איז אריבער, די חסדים וואס ער האט געזען אויף טריט און אויף שריט, וויאזוי דער מסבב כל הסיבות האט געפירט זיין וועלט'ל אז די תוצאה וואס ער האט געוואלט עס זאל ארויסקומען איז למעשה ארויסגעקומען, אבער עס איז נישט געווען אין איר קיין גרויסהאלטערישקייט, קיין רימעריי איבער די כבוד וואס ער האט.

זאל הקב"ה העלפן אז מען זאל אויך זוכה זיין צו לעבן מיט אזא העכערקייט, מיט א לויטערער בליק, וויסנדיג אז אלעס פירט זיך פון אויבן און אלעס איז אויסגערעכנט און איינזען די חסד וואס הקב"ה מאכט מיט אונז אן אויפהער.



## טיב ההשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן דורך לייענערס

# א קלארע חשבון

ווען דער גאסט האט יענעם שבת קודש אריינשפאצירט און זיך געקויפט אן עליה פאר די סומע פון 80 שקל האט זיך דער גבאי געפריידט.

נאך אלעם פארקויפט זיך נישט יעדן שבת אן עליה פאר אזא סומע, אבער ווען עס איז געקומען דערצו אז דער קויפער האט געדארפט באצאלן די עליה, איז די שמחה געווען שוואכער.

נישט יעדן טאג איז דער גאסט געקומען אין שול. זייענדיג אן איינוואוינער פון אן אנדער געגענט האט מען אים נישט געזען יעדן טאג, אבער אויך ווען עס האט זיך געמאכט אז ער איז שוין יא געקומען האט ער זיך ארויסגעדרייט זאגנדיג אז ער האט קיינמאל דא נישט געקויפט קיין עליה.

א שטיק צייט שפעטער איז ער נאך אמאל געקומען אין שול. אויך יעצט האט ער געקויפט אן עליה און דאסמאל איז עס געשטאנען אויפ'ן סומע פון 200 שקל.

דער גבאי האט געקווענקעלט צי ער זאל אים פארקויפן אבער נישט וועלנדיג פארשעמען א איד אין שול האט ער אים פארקויפט די עליה האפענדיג אז דאסמאל וועט עס יא געלונגען, דער איד וועט גלייך באצאלן די חוב.

א שטיק צייט איז אריבער. דער גבאי האט באגעגנט דעם קויפער און אים געפרעגט וואס טוט זיך מיט'ן חוב פאר די עליה. דאסמאל האט דער איד מודה געווען אז ער האט עס געקויפט, אבער ער האט זיך ארויסגעדרייט אז ער האט נישט כרגע קיין געלט אין טאש.

"אז עס מאכט זיך אמאל אז דו דארפסט באצאלן א חוב מיט א קרעדיט קארטל קלינג מיר אריין, איך וועל עס באצאלן דורך דעם".

דער גבאי האט גענומען זיינע פרטים. א שטיק צייט שפעטער האט ער מיטגעטיילט די מעשה מיט א צווייטן איד, דערציילנדיג אז ערווארט עס זאל אים אונטערקומען צו באצאלן די גענויע סומע.

צו זיין וואונדער האט דער צווייטער ארויסגעצויגן פון זיין טאש א לעקטער ביל און עס אים געצייגט.

"איך בין יעצט אויפ'ן וועג צו באצאלן די ביל. די ביל איז גענוי 280 שקל. אז דו ווילסט קען איך דיר געבן די קעש וואס איך וויל באצאלן פאר יענעם און יענער וועט באצאלן די געלט אויפ'ן טעלעפאן מיט זיין קרעדיט קארטל".

דער גבאי האט גלייך אריינגעקלינגען צו יענעם און אים דערציילט אז ער האט דא נעבן זיך א ביל פון די גענויע סומע צי ער וויל עס צאלן. דער גבאי האט מורא געהאט אז דער איד וועט זיך איינ'טענה'ן מיט אים וועגן די אכציג שקל, אבער דער איד האט גארנישט אנגעמערקט דערוועגן, נאר אויפ'ן ארט האט דער איד האט מסכים געווען צו די סומע און ער האט איבערגעגעבן זיינע דעטאלן און מען האט באצאלט די חוב.

עס האט זיך געפירט צום גוטן, אז דער גבאי זאל פונקט אנטרעפן א איד מיט די גענויע סומע און אז מען זאל קענען באצאלןביידע חובות אויפאיינמאל.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.ג.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# דער וואונדערליכער סוחר

זאגט דער הייליגער מדרש (ב"ר פט, ג): כִּי מִבֵּית הָסוּרִים יָצָא לִמְלֹךְ (קהלת ד, יד), דאס מיינט מען יוסף הצדיק וועלכער איז ארויסגעגאנגען פון די תפיסה פון פרעה, און פון דארט איז ער ארויסגעגאנגען צו קעניגן. פרעגן שוין אלע, וואס וויל אונז דער מדרש דא לאזן הערן, ווייסן מיר דען נישט אז יוסף איז געווען אין געפענגעניש, און פון דארט איז ער ארויסגעגאנגען און איז געווארן קעניג.

און דער תירוץ איז, אז דער מדרש וויל אונז לערנען, פון וואו האט יוסף דערגרייכט אין זיין נפש צו די מדה פון מלכות, און וויאזוי האט ער פלוצלונג געקענט ווייזן דעם כח און מעגליכקייט פון די בחינה פון מלכות. – ערקלערט דער מדרש, אז פונעם ארעסט־הויז איז ער ארויסגעגאנגען צו קעניגן, דאס הייסט, אז דאס וואס ער איז געשטאנען פעסט אינעם נסיון פונעם תפיסה, **דאס האט געבויט אין זיין נפש דעם כח פון מלכות**, ווייל דער עיקר פון מלכות איז דאך דערמיט וואס ער קעניגט אויף זיך אליין, און דאס מאכט דעם אינערליכן קעניגרייך וואס געפינט זיך אין די טיפענישן פונעם מענטשליכן נפש. דאס איינווארצלען דאס איידלקייט פונעם מלכות און די אויפפירונגען פון א קעניג אינעם נפש האדם, ווערט געשאפן דווקא דורכן שטיין פעסט אין די שווערע צייטן, וואס דאס שטעלט אוועק און בויט אויף די מדה פון מלכות אינעם נפש פונעם מענטש.

לערנט אונז דער מדרש, אז מען זאל נישט ווערן געפאַלן ביי זיך אין נידעריגע צייטן און אין שווערע אומשטענדן, נאר מען זאל זיך אנהאלטן שטארק מיט בטחון אינעם אויבערשטן, און זיין זיכער אז ער וועט אונז זיכער ארויסציען פון די צרה און ענגשאפט.

***

פאלגנד וועלן מיר דערציילן א וואונדערליכע מעשה וואס איז דערציילט געווארן דורך איינער פון די צדיקים אין די פריערדיגע דורות, וואס געבט שטארק ארויס אט די נקודה. – אין א פארשטופטן שטעטל האט געוואוינט א פשוט'ער און איינפאכער ארימאן, וואס צוליב זיין גרויס ארימקייט האט ער זיך געפירט צו נישטערן אין די מיסטן און זוכן דארט 'מציאות'... איין טאג איז אים געלונגען צו טרעפן אן אמת'ע מציאה, ווען צו זיין גרויס איבערראשונג האט ער געטראפן צווישן די מיסט א גרויסן בריליאנט, ממש אן אוצר. ער איז צוגעגאנגען צו א סוחר וועלכער איז געווען א מומחה אין די זאכן, וועלנדיג אויסגעפינען וויפיל דער בריליאנט איז ווערד. ווען דער סוחר האט געזען דעם בריליאנט אינעם האנט פונעם ארימאן, איז ער ערשטוינט געווארן, שאצנדיג דעם בריליאנט אלס זייער א ווערדפולע, וואס קיין קונה דערצו קען מען נישט געפינען אין אזא קליינע און פארדרוקטע שטעטל, און אויך נישט אין די ארומיגע שטעטלעך. **דעריבער, האט ער געזאגט צום ארימאן, וועסטו דארפן ארויספארן מיט א שיף אויפן ים צו א געוויסן לאנד, וואו עס געפינט זיך דער גרעסטער בריליאנטן בערזע אויף דער וועלט, דארט וועסטו קענען געפינען א קונה וועלכער וועט זיין גרייט צו באצאלן דעם ריזיגן פרייז דערפאר.**

ווי פארשטענדליך, האט דער ארימאן שוין געוואלט זיך ארויסלאזן אין וועג, ער האט אבער נישט געהאט אפילו איין פרוטה פאר די הוצאות פונעם וועג. איז ער געגאנגען, ווי זיין שטייגער, צו קלייבן נדבות אין שול, ביז ער האט שוין געהאט גענוג געלט ארויסצופארן. דער ארימאן האט זיך ארויסגעלאזט אויפן לאנגן וועג, ביז ער איז אנקומען צום פארט־שטאט, וואו ער האט געדארפט ארויפגיין אויפן שיף וואס וועט זיך ארויסלאזן איבערן ים, ביז צו די לאנד פון זיין ציל. אבער ווען ער האט געוואלט קויפן א קארטל ארויפצושטייגן אויפן שיף, האט ער געזען אז דער פרייז איז זייער טייער, און ער האט נישט געהאט גענוג געלט צו באצאלן, וויבאלד דאס איז א לאנגע רייזע פון עטליכע וואכן, און ביי זיך האט ער נאר געהאט גאר א קליינעם סומע, אפילו נישט גענוג פאר א פערטל פונעם פרייז פון דער קארטל.

האט זיך דער ארימאן אן עצה געגעבן. ער האט געכאפט א שמועס מיטן שיפס קאפיטאן, און זיך פאָרגעשטעלט אלס **א גרויסער סוחר פון בריליאנטן**, און באהאלטענערהייט האט ער אים געוויזן דעם טייערן בריליאנט וואס ער טראגט מיט זיך, און אים שטילערהייט אנטפלעקט אז דער בריליאנט וואס ער האלט דא איז זייער טייער, און אנקומענדיג צום ציל, נאכן פארקויפן דעם בריליאנט, וועט ער אים רייך באצאלן פארן רייזע און פארן סערוויס אויפן שיף.

ווען דער שיפס קאפיטאן האט געזען דעם הערליכן בריליאנטביים רייזנדער אין די האנט, האט ער פארשטאנען דערפון אז דא שטייט פאר אים א ריזיגער סוחר, וואס עס לוינט זייער צו מאכן מיט אים געשעפטן... האט ער אים העפליך געלאדנט אריינצוקומען אינעם שיף, און ער האט אים אריינגעזעצט אין איינס פון די בעסטע צימערן פון דעם ערשטן קלאס, און האט אים מכבד געווען בכבוד מלכים. אזוי ווייטער, דורכאויס דעם גאנצן וועג, האט דער שיפס קאפיטאן זיך באפריינדעט מיטן רייכן 'סוחר', און האט אים מכבד געווען מיט וואס נאר מעגליך. דער חשבון, האט דער שיפס קאפיטאן געטראכט צו זיך, וועט מען לאזן פארן סוף... דערוויייל דארף מען אלעס טון כדי דער רייכער 'סוחר' זאל ווייטער פארן נאר מיט אים...

אונזער 'סוחר' האט זייער הנאה געהאט פונעם אויפמערקזאמקייט וואס ער האט באקומען פון אלע זייטן, און פונעם גרויסן כבוד וואס דער שיפס קאפיטאן האט אים געגעבן צוליב דעם בריליאנט וואס ער האט ביי זיך. ער פלעגט זיך אסאך טשאטשקען מיטן בריליאנט, עס איבערדרייען פון איין זייט צום אנדערן, באטראכטנדיג איר הערליכן פראכט. איין טאג איז ער געזעצן און געגעסן זיין רייכן מאלצייט אויפן דעק פון שיף, און זיין הארץ איז אים אויפגעלייגט. נעבן אים אויפן טיש, איז געלעגן דעם טייערן בריליאנט, געניסנדיג פון זיין גוטן מזל. ווען ער האט געענדיגט עסן זיין רייכן מאלצייט איז ער אביסל מיד געווארן, און נישט איילנדיג זיך אין ערגעץ, האט ער אביסל איינגעדרימלט זיצנדיג אויף זיין באקוועמען בענקל. דערווייל האט דער העפליכער טיילער באמערקט אז דער סוחר האט געענדיגט עסן, איז ער צוגעגאנגען צום טיש, אפצורייניגן די שמוץ וואס איז געבליבן נאכן עסן. אזוי ווי עס פאסט פאר א פלינקער און טויגליכער קעלנער [טיילער/מלצר], האט ער אנגעכאפט דעם טישטוך וואס איז געלעגן אויפן טיש, און עס שטארק אויסגעשאקלט אין ים אריין, כדי אלע ברעקלעך און שמוץ זאל אריינפאלן אין וואסער, לאזנדיג דעם טישטוך ריין. **פון גרויס פלינקקייט האט ער אבער נישט אכט געלייגט אויפן טייערן בריליאנט וואס איז אויך געלעגן אין א זייט פונעם טישטוך, און האט עס אויך אריינגעווארפן אינעם גרויסן ים, צוזאמען מיט אלע ברעקלעך און אפפאל...**

ווען דער סוחר האט זיך אויפגעוועקט פון זיין דרימל, און געזען אז דער בריליאנט איז מער נישטא, און דער טיש איז ריין און מסודר, האט ער גלייך אלעס פארשטאנען, אז דער בריליאנט איז פארלוירן געווארן, און ער איז יעצט אויפאמאל צוריקגעווארן אן עני ואביון. – ער האט זיך אבער גלייך אריענטירט און באשלאסן זיך נישט צו וויסנדיג מאכן דערפון, ווייל אויב ער וועט יעצט אויפהייבן א געוואלד וועגן דער בריליאנט וואס איז פארלוירן געווארן, דעמאלטס כאטש יעדער וועט רחמנות האבן אויף אים און אים טרייסטן אויף זיין פארלוסט, וועט ער אוודאי פארלירן זיין גאנצן חן ביים שיפס קאפיטאן, וויבאלד זיין גאנצע חשיבות און מעגליכקייט צו פארן דא אויפן שיף, איז דאך נאר א דאנק דעם בריליאנט, און ווען דער שיפס קאפיטאן וועט זען אז ער האט פארלוירן זיין פארמעגן, וועט ער אים דאך ארויסווארפן פון זיין שיף. – **האט ער זיך דעריבער געשטארקט אויף זיין גרויסן צער און ווייטאג, און ער האט ווייטער** אנגעשטעלט

המשך אין עמוד ד' >




א פנים ווי דער חשוב׳ער סוחר, און ער האט ווייטער געשמועסט מיטן שיפס קאפיטאן איבער ביזנעס... אזוי ווי גארנישט איז געשען.

און אט האט זיך די שיף דערנענטערט צו איר ציל, און אויפן האריזאנט האט זיך שוין אנגעזען די פארט-שטאט פון די לאנד צו וועלכע זיי פארן. עטליכע שעה איידער די שיף איז אנגעקומען צום ציל, איז דער שיפס קאפיטאן אריינגעגאנגען צו אונזער סוחר, און אים שטילערהייט פארגעשלאגן א ספעציעלע הצעה.

הער צו מיין פריינד, האט דער שיפס קאפיטאן געזאגט צו אים, איך האב דא מיט מיר אויפן שיף, וואס איך האב איינגעהאלטן אין אן אנדער לאנד פאר א ביליגע פרייז, אבער מיר זעט אויס אז אויב וועט מען עס פארקויפן דא אין די לאנד וואו מיר קומען יעצט אן, קען מען פארדינען זייער אסאך געלט. – נאר וויבאלד איך בין א שיפס קאפיטאן, און איך מוז מיך שוין ארויסלאזן אין וועג, האב איך אלץ געזוכט א באגלייבטער מענטש אויף וועמען איך קען זיך פארלאזן, אז ער זאל זיך אפגעבן מיט די סחורה. יעצט, נאך אונזער נסיעה צוזאמען, האב איך נישט קיין בעסערער מענטש ווי דיר. נו, וואס זאגסטו? לאמיר מאכן א געשעפט: דו וועסט גארנישט דארפן באצאלן פאר דיין נסיעה וואס דו פארסט יעצט מיט מיר, און דו וועסט נעמען די סחורה צו פארקויפן איבערן לאנד, און איך האב נישט קיין ספק אז א געלונגענער 'סוחר' ווי דיר וועט שנעל און גרינג פארקויפן די סחורה פאר א גוטן פארדינסט, און דערנאך וועלן מיר זיך טיילן מיט די רווחים. – דער רייזנדער האט זיך זייער געפריידט מיטן פארשלאג, וואס וועט אים אינאיינמאל ארויסציען פון זיין גרויסן ענגשאפט, וויבאלד ער האט די גאנצע צייט געטראכט, וואס צו זאגן פארן שיפס קאפיטאן ווען ער וועט פארלאנגען פון אים די געלט פאר די רייזע, און פאר די שיינע באהאנדלונג אויפן וועג... און יעצט באקומט ער אויף א גאלדענעם טאץ דעם לייזונג, צוזאמען מיט א געלעגנהייט צו פארדינען אביסל געלט.

די צוויי האבן זיך גלייך געזעצט און גע'חתמ'עט אויף א מסודר'דיגן קאנטראקט, פונקטליך וויאזוי זיי וועלן זיך טיילן מיט די פארדינסטן פון די סחורה, און האבן זיך געזעגנט ווי גוטע פריינט. דער שיפס קאפיטאן האט זיך גלייך ווייטער ארויסגעלאזט איבערן ים, און אונזער 'סוחר' האט זיך ארויסגעלאזט אין לאנד מיט די טייערע סחורה. – גאנץ שנעל האט ער געזען גרויס הצלחה אין זיינע געשעפטן, זייענדיג ספעציעלע סייעתא דשמיא, און ביז א קורצע צייט האט ער פארקויפט די גאנצע סחורה פאר זייער א שיינעם פארדינסט, וואס אויך נאכן אראפגעבן די פראצענטן פארן שיפס קאפיטאן, וועט ער נאך אלץ בלייבן מיט א גרויס פארמעגן. נאר עטליכע וואכן שפעטער איז אנגעקומען צו אים א שמועה, אז די שיף איז איינגעזינקען געווארן אין ים און דער שיפס קאפיטאן איז געשטארבן אין די וואסער, נישט איבערלאזנדיג קיינעם נאך אים.

אזוי איז דער מענטש פלוצלונג פארוואנדלט געווארן אין א ריזן עושר, בלייבנדיג מיטן גאנצן ריזיגן פארמעגן וואס האט יעצט באלאנגט צו אים.

פון אט די מעשה לערנען מיר זיך, האט דער צדיק אויסגעפירט, וויפיל דער מענטש האט פארדינט פון בלייבן פעסט און שטארק אינדערצייט פון זיין ענגשאפט. לאמיר זיך פארשטעלן, אויב וואלט ער נישט געווען בכח צו ווייטער אנשטעלן א פנים ווי גארנישט איז געשען, דעמאלטס נישט נאר וואלט דער שיפס קאפיטאן נישט געמאכט מיט אים דעם גרויסן געשעפט, נאר ער וואלט זיך גאנץ שנעל געטראפן פארשיקט פונעם שיף מיט שאנד, אויף איינס פון די אינזלען. נאר דורכדעם וואס דער מענטש האט שטארק באהערשט זיינע געפילן, און האט זיך נישט מייאש געווען, איז ער אנגעקומען צו אזא גרויסע הצלחה. ווייל די בריליאנט האט אין אמת'ן נישט באלאנגט צו אים, און איז אים נישט געווען באשערט, אבער די ריזיגע פארדינסטן וואס ער האט באקומען פון די סחורה, האבן ערליך געהערט צו אים, לויט די איינצלהייטן פונעם קאנטראקט וואס ער האט אונטערגעשריבן מיטן שיפס קאפיטאן.

זעען מיר פון דעם, ווי חשוב און טייער איז אט די מדה, פון זיך האלטן פעסט אין יעדן מצב, און חלילה נישט אריינפאלן אין יאוש און טרויער, נאר זיך צו שטארקן מיט בטחון און האפענונג אין אונזער גרויסער באשעפער וואס לעבט אייביג, און דורכדעם וועלן מיר זוכה זיין צו זיין דבוק באמת אינעם הייליגן באשעפער, ברוך הוא וברוך שמו.


על הברכה יעמדו

ניתן להנציח את העלון לשמחות, לברכה והצלחה או ליארצייט | התורמים להפצת העלון | לקבלת העלון במייל (דוא"ל) נא לשלוה למייל המצו"ב

לע"נ הרב יעקב מיכאל זצ"ל בן החבר הרב ר' ישראל זצ"ל מייער נלבע י"ג אלול תשפ"ב תנ.צ.ב.ה.

יוסף בן טילה רחא לרפואה שלימה

האחים היקרים העומדים תמיד לימין רבינו הרב יהודה בן שרה שיינדל והרב שאול יחזקאל בן שרה שיינדל וכל משפחתם - להצלחה בכל העניינים

שרה שיינדל בת טילה רחה להצלחה בכל העניינים

לע"נ מרת חיה סאסא בת לאה נלב"ע י' סיון תנ.צ.ב.ה.

לע"נ הבחור שמואל מאיר ז"ל בן יבלחט"א רבי ישראל יצחק נלב"ע י"ח כסלו תנ.צ.ב.ה.

גרפצ'יק טל: 02-5002321

קשת הרשת 02-6257948 info@keshet-hareshet.co.il

גל-פן

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד' | רח' ישעיהו 7 ירושלים טל: 078-3331109 05276-10455 | shivti11@gmail.com

יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173